# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל
שניאורסאהן
מליובאוויטש

## חג השבועות

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה
שנת המאה להולדת כ״ק אדמו״ר מה״מ

לזכות
הוו״ח ר׳ רפאל יואל וזוגתו מרת חי׳ רחל
ומשפחתם שיחיו
זימערמאן

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

# חג השבועות

א. דער רמב"ם פסק'נט[1]: „מצות עשה על כל איש ואיש[2] מישראל לכתוב ספר תורה לעצמו[3] שנאמר[4] ועתה כתבו לכם את השירה[5], כלומר כתבו לכם תורה שיש בה שירה זו, לפי שאין כותבין את התורה פרשיות פרשיות. ואעפ"י שהניחו לו אבותיו ספר תורה מצוה לכתוב משלו ואם כתבו בידו[6] הרי הוא כאילו קבלה מהר סיני. ואם אינו יודע לכתוב אחרים כותבים לו. וכל המגיה ספר תורה ואפילו אות אחת הרי היא כאילו כתבו כולו"[7].

שטעלט זיך די שאלה[8]: וויבאַלד אַז שרייבן אַ ספר תורה איז אַ „מצות עשה על כל איש ואיש"[9] — פאַרוואָס זעט מען ניט אַז מען זאָל זיך משתדל זיין מקיים זיין די מצוה פון שרייבן אַ ספר תורה בידו, קיום המצוה בשלימותה[10] (און „כאילו קבלה מהר סיני")?

און אע"פ אַז עס האָט אַן אָרט צו זאָגן, אַז אויב עס איז פאַראַן אַ סופר מומחה וואָס שרייבט שענער פון אים, דאַרף מען מוותר זיין אויף דעם שכר ומעלה פון „כאילו קבלה מהר סיני" (וואָס מ'האָט דורך שרייבן אַליין), נאָר מ'דאַרף דינגען דעם סופר אויף שרייבן פאַר אים, כדי עס זאָל זיין אַ „ספר תורה נאה" (געשריבן דורך אַ „לבלר אומן"), כהציווי „זה א־לי ואנוהו"[11] — התנאה לפניו במצות"[12]:

און נאָך מער: לויטן ביאור פון תבואות שור[13] אין דעם ענין פון „מצוה בו יותר מבשלוחו"[14], אַז דאָס איז דער־פאַר וואָס ווען מ'מאַכט אַ שליח צו טאָן אַ מצוה „נראה כאינו רוצה לטרוח בעצמו" ובמילא איז עס ניט קיין כבוד המצוה, משא"כ אין אַ פאַל ווען מ'מאַכט אַ שליח כדי צו מוסיף זיין אין כבוד

1) רפ"ז מהל' (תפילין ומזוזה ו)ס"ת.

2) כ"ה ברמב"ם שם. ובשו"ע יו"ד ר"ס ער (פ"א) „כל איש". ואכ"מ.

3) בשו"ע שם: לכתוב לו ספר תורה.

4) וילך לא, יט.

5) כן הביא הרמב"ם שם (תיבת „ועתה" ובהשמטת תיבת „הזאת"). אבל מההמשך „כלומר כתבו לכם תורה שיש בה שירה זו", משמע לכאו' שזוהי השמטת הדפוס וצ"ל גם תיבת „הזאת" ובפרט שכ"כ במנין המצות בריש ספר היד (מ"ע יז) „כתבו לכם את השירה הזאת", ובסהמ"צ מ"ע יח. וראה צפע"נ לרמב"ם שם.

6) במנחות ל, א הלשון „כתבו, מעלה עליו הכתוב כו'" (וראה לקמן בפנים סי"ב) ובא בהמשך להמאמר „הלוקח ס"ת מן השוק כחוטף מצוה מן השוק", שלא הובא ברמב"ם.

7) בגמ' „אם הגי' אפילו אות אחת מעלה עליו כאילו כתבו". וראה לקמן.

8) בכמה ענינים דלקמן שקו"ט בכמה פוסקים ומפרשים, ובמפרשי הרמב"ם ושו"ע. וראה ספר דעת קדושים על הלכות סת"ם בתחלתו סעיף א' וב' ובמפרשים שם. ובספרים שנסמנו שם. וראה גם לקו"ש חכ"ד שיחה ב' לפ' וילך.

9) והרמב"ם חשבה בסהמ"צ בסוף המ"ע מה„מצות ההכרחיות".

10) לשון הרמב"ם בסהמ"צ (הוצאת הר"ח העליר) „ואם כתבו בידו הוא משובח מאד והוא יותר טוב (ובתרגום הר"י קאפח „והוא עדיף") כמו שאמר כתבו כו'". ובסהמ"צ לפנינו ליתא.

11) בשלח טו, ב.

12) שבת קלג, ב. וברמב"ם הל' ס"ת שם ה"ד „כותב כתיבה מתוקנת נאה ביותר".

13) סי' כח סקי"ד. וראה שו"ע אדה"ז סי' רנ קו"א סק"ב.

14) קידושין רפ"ב.





## הוראות כ"ק אדמו"ר שליט"א לחג השבועות

ע"פ הוראת חז"לי דמזכירים „ומזרזין . . בשעת מעשה" — כאן המקום להזכיר ולזרז עוד הפעם אודות הענינים דלקמן שהזמן גרמא:

א) ב„תיקון ליל שבועות" — בכל הדפוסים שראיתי — הסיום דספר יצירה הוא: „. . . נאמנת בפנים . . אחד בפה ואחד בלב".

ולפענ"ד אינו נכון. כי (נוסף לזה שחסר סיום בדבר טוב, הרי) נוסח זה אינו מובן כלל.

וצריך להיות, כמו שהוא בכו"כ הוצאות דספר יצירה הנדפס בפ"ע: „. . . נאמנת ג' רעות ללשון דיבור רע והמלשין והמדבר אחד בפה ואחד בלב ג' טובות ללשון שתיקה ושמירת הלשון ודיבור אמת".

ומענין לענין: ב„תיקון" שנדפס בסלאוויטא (ועוד) בהעתקת מאמרו של רשב"י: „אנן בחביבותא תליא מילתא דכתיב כו'", הובאו רק ב' פסוקים.

וצ"ל כבזהר: „אנן בחביבותא תליא מילתא דכתיב ואהבת את ה' אלקיך וכתיב מאהבת ה' אתכם וכתיב אהבתי אתכם אמר ה'"[2].

ב) כמדובר כמה פעמים — ע"פ מרז"ל[3] „אמר הקב"ה לישראל בני היו קורין את הפרשה הזאת בכל שנה ואני מעלה עליכם כאילו אתם עומדים לפני הר סיני ומקבלין את התורה" — כשם שאמירת עשרת הדברות בפעם הראשונה היתה בנוכחות כל עם ישראל, אנשים נשים וטף, גם הקטני קטנים — כדאי להשתדל אשר בעת קריאת הפרשה הזאת בזמן מ"ת בכל שנה ושנה,

כל בני ישראל, גם הקטני קטנים(ות), יהיו בבית הכנסת (לכל הפחות) בעת קריאת עשרת הדברות.

ולהעיר אשר מ"ת הוא ע"י אשר „בנינו ערבים אותנו"[4].

ג) הרגילים בנתינת צדקה בכל יום — בערב חה"ש זה יתנו גם בעד שני הימים דחג השבועות. ועד"ז בכל עש"ק[5] וערב יו"ט כו'[6].

(משיחת יום ב' דחה"ש תשמ"ג)

1) מכילתא (ורש"י) יתרו יט, כד.

2) עיין לקוטי לוי"צ הערות לזהר פ' נשא ס"ע שנה ואילך — ביאור ג' פסוקים אלו.

3) פסיקתא דר"כ פ' בחודש השלישי (הובא ברוקח סרצ"ו).

4) שהש"ר פ"א, ד (א).

5) אף ד„פרש שבחכם לא קאמר" ואצ"ל הכנסת אורחים כביו"ט (וח"כ פח, ב. סידור עם דא"ח רא, א. שם ד"ה יגלה לן — רג, ג ואילך).

6) ועיין תניא פל"ז (מח, ב).

# כז.

**הפצת המעיינות** דפנימיות התורה („סתים" שבתורה, **שעל ידה נעשית האחדות ד„סתים" דישראל עם „סתים" דקוב"ה[1]** חוצה, **עד לחוצה שאין חוצה הימנו, כפי שנתחדש במיוחד בדורנו זה גם ובמיוחד בחצי כדור התחתון (שבו לא הי' הגילוי דמ"ת[2]), שבו נקבע מושבו של נשיא הדור, כ"ק מו"ח אדמו"ר, משה שבדורנו, ומשם מופצים המעיינות בכל קצוי תבל ממש, ובמשך** יובל שנים[3] **(„עולם"[4]), אשר, ע"י ההוספה בהפצת המעיינות חוצה (שכבר היתה באופן ד„די והותר"), „דע את אלקי אביך"[5]**, „לדעתך", **זוכים[6]** תיכף ומיד ל„אותו[7] הזמן . . (ש)**לא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם, שנאמר[8] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים".**

(משיחות ש"פ שלח, מבה"ח תמוז תנש"א)

---

1) ראה זח"ג עג, א. לקו"ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א. ובכ"מ.

2) ראה אג"ק אדמו"ר מוהריי"צ ח"ב ע' שלא. ושי"נ.

3) כולל ובמיוחד בענין שהזמן גרמא, יובל שנים לכ"ח („כח") סיון (שמתברך מיום השי"ק זה) — ראה בארוכה שיחת כ"ח סיון (סה"ש תנש"א ע' 635 ואילך).

4) קידושין טו, א. מכילתא ופרש"י משפטים כא, ו. — ולהעיר גם מלקו"ת פרשתנו מב, ד ואילך.

5) דה"א כח, ט. וראה תניא קו"א קנו, ב. ובכ"מ.

6) כהבטחת מלך המשיח להבעש"ט — במענה לשאלתו אימת אתי מר — כשיפוצו מעינותיך (דהבעש"ט) חוצה (אגה"ק דהבעש"ט — כש"ט בתחלתו).

7) רמב"ם בסיום וחותם ספרו „משנה תורה".

8) ישעי' יא, ט.





המצוה זאָגט מען ניט „מצוה בו יותר מבשלוחו" — קומט אויס בנדו"ד, וואָס דער כבוד המצוה — „התנאה לפניו במצות" — פאָדערט אַ „לבלר אומן", איז ניטאָ דער דין פון „מצוה בו יותר מבשלוחו" —

פאַרענטפערט דאָס אָבער ניט די שאלה הנ"ל. וואָרום מען געפינט ניט אַז מ'זאָל זיך משתדל זיין אפילו עס זאָל זיין „אחרים כותבים לו", און אפילו ניט משתדל זיין זיך צו מגיה זיין „אפילו אות א'" אין אַ ספר תורה, און דערמיט מאַכן כשר די ספר תורה[15] (וואָס דעמאָלט איז „הרי היא כאילו כתבו כולו"[16])[17].

ב. בפשטות קען מען זאָגן, אַז דער מנהג ישראל אין דעם איז על פי דעת הרא"ש[18] — אַז דער חיוב פון כתיבת ספר תורה אויף כל אחד ואחד איז געווען „בדורות הראשונים שהיו כותבין ס"ת ולומדין בו, אבל האידנא שכותבין ס"ת ומניחין אותו בבתי כנסיות לקרות בו ברבים מצות עשה היא על כל איש מישראל אשר ידו משגת לכתוב חומשי תורה ומשנה וגמרא ופירושי' להגות בהן הוא ובניו, כי מצות כתיבת התורה היא ללמוד בה[19] כדכתיב ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם וע"י הגמרא והפי' ידע פי' המצות והדינים על בוריים לכן הם הם הספרים שאדם מצוה לכותבם",

וואָס אַזוי פסק'נט דער מחבר אין שו"ע[20]: „האידנא מצוה לכתוב חומשי תורה ומשנה וגמרא ופירושיהן" ולדעת כמה פוסקים[21], איז נאָך מער — אַז

---

15) ראה קרית ספר לרמב"ם שם. ובספר האשכול הלכות ס"ת. רמ"א יו"ד שם. וראה הערה הבאה.

משא"כ לפי' התוס' ד"ה אם הגיה (מנחות שם) שקאי על הס"ת שלקח מן השוק שלא נחשב עוד כחוטף מצוה שהי' אצל חבירו בעבירה שהי' משהה ספר שאינו מוגה. ועד"ז ברא"ש ונמוקי' שם. וצ"ע בהגמי' לרמב"ם שם. וראה מנ"ח מצוה תריג (קיא, א). שיחת ש"פ ויצא תשמ"ב.

16) לדעת הרמב"ם. ואי"כ הוי כשלימות המצוה „כאילו קבלה כו'" (צפע"נ לרמב"ם שם). ויותר מכש„אחרים כותבים לו". ובטור יו"ד ר"ס ער מפורש: כתבו או הגיה בו אפילו אות אחת כאילו קבלה מהר סיני. ברמ"א (יו"ד שם ס"א) כללם ביחד „שכר לו סופר לכתוב לו ספר תורה או שקנאו והוא הי' מוטעה והגיהו הרי זה כאילו כתבו". וראה צפע"נ וכלי חמדה שם. דעת קדושים שם סק"ד. וכבר דשו בה רבים.

17) וגם קנית אותיות בס"ת, הרי א) לא מצינו שכל איש ואיש מישראל ירדוף וישתדל לקנות אותיות בס"ת (ותיכף משנעשה בר מצוה). ב) שקו"ט ומחלוקת אם יוצאים מצות כתיבת ס"ת בשותפות (ראה פתחי תשובה יו"ד שם סק"א. נחל אשכול לאשכול שם. כלי חמדה פ' וילך. ובכ"מ).

18) הלכות קטנות ריש הל' ספר תורה.

19) וצע"ג במלך שכותב ב' ס"ת ואחת מניחה בבית גנזיו (סנה' כא, ב. רמב"ם שם ה"ב. הל' מלכים רפ"ג) ואפילו לפרקים אינו לומד בה שהרי „וקרא כל ימי חייו" בס"ת השני (סנה' ורמב"ם שם) ועוד זאת: הרי יש לו ס"ת קודם שנעשה מלך וכתבה ע"מ ללמדה וכו', וכשעולה למלוכה — כותב שני' לשם ס"ת דמלך והראשונה מניחה בבית גנזיו.

20) יו"ד שם ס"ב.

21) דרישה ופרישה שם סק"ח. ש"ך שם סק"ה. אבל דעת הב"י וב"ח שם דלדעת הרא"ש ודאי איכא מצות עשה בכתיבת ס"ת אפילו בזמן הזה („דגם האידנא זהו עיקר קיום מ"ע*"). אלא שיש ג"כ מצוה לכתוב חומשי התורה ומשנה ש"ס ופירושיהן וכ"ה לדעת כו"כ אחרונים, ראה נ"כ השו"ע שם וש"נ. וראה ט"ז שם: ואף שלפי משמעות הלשון של הרא"ש משמע יותר כדברי הדרישה מ"מ כו'.

וצע"ק בלבוש שם ס"ב שכתב „אע"ג דודאי כתיבת ספר תורה היא המצוה המפורשת בתורה בפירוש וחייבים לכותבה לקרות בה ברבים". אבל בב"י שם שזה (כתיבת חומשים משניות כו') חיוב ויותר מצוה מלכתוב ספר תורה ולהניחו בבית הכנסת ולקרות בו ברבים אבל לכתוב ספר תורה לקרות בו הוא ובניו פשיטא דגם האידנא זהו עיקר קיום מ"ע. וראה ברכי יוסף שם.

---

*) ובקיצור פסקי הרא"ש מהלכות קטנות ריש הל' ס"ת: והאידנא כו' **עיקר המצוה** לכתוב חמשה חומשי תורה ומשנה כו'.

„האידנא" איז די מצוה בלויז בחומשין משנה וגמרא כו', און ניט בס"ת.

**דאָס איז אָבער ניט מספיק: אויך בנוגע** די ספרים (**חומשים ומשניות וכו')** **איז דער לשון הרא"ש וטושו"ע (בלשון הציווי בקרא)** מצוה לכתוב — **און מען געפינט ניט כלל וכלל אַז מ'זאָל זיך משתדל זיין שרייבן די ספרים אָדער דינגען איינעם וואָס זאָל זיי שרייבן פאַר אים, אָדער לכה"פ מגיה זיין אַ ספר שקנה, כדי מקיים זיין אָט די מצוה.**

**און הגם אַז נאָכדעם ווי ס'איז נתפשט געוואָרן דפוס בעולם איז מנהג רוב ישראל ככולם צו קויפן ספרי דפוס — איז אפילו ווען מ'זאָל אָננעמען אַז דער לשון „לכתוב" (אין רא"ש ושו"ע) איז כולל אויך דעם אופן פון הדפסה (ווי־באַלד הדפסה האָט פאַרנומען דעם אָרט פון כתיבה), קען מען אָבער ניט רעכע־נען דעם קויפן אַ פאַרטיגן ספר ווי „שכר לו סופר לכתוב לו", ובפרט אַז אין אַ סך פאַלן איז די הדפסה ניט דורך אַ בן ברית (און קיינער פרעגט זיך ניט נאָך אויף דעם*[21]):**

**נאָכמער — וג"ז עיקר: דער רמ"א[22] פסק'נט (בנוגע צו אַ ספר תורה) אַז בשעת „לקחו כך ולא הגיה בו דבר הוי כחוטף מצוה מן השוק** ואינו יוצא בזה"[23]

**(ניט ווי דעת רש"י ונמוקי יוסף[24] אַז אויך דעמאָלט איז ער מקיים די מצוה כאָטש ניט מן המובחר[25]) — היינט ווי איז מען יוצא מצות כתיבת חומשים וכו' דורך קויפן געדרוקטע ספרים אָן קיין הגהה**[26]?

**ג. בפשטות נעמט מען אָן, אַז אין דעם באַשטייט דער חילוק צווישן דעת הרמב"ם און דעת הרא"ש (ופסק הלכה בשו"ע)**[27]:

**לשיטת הרמב"ם אַז די מצוה איז כתיבת** ספר תורה, **דעריבער איז דאָס מחייב אַז אין דעם זאָל זיין די** מעשה **ופעולת האדם —** די כתיבה **פון דער ספר תורה (ובמילא אויב „אינו יודע לכתוב אחרים** כותבין **לו וכל המגיה ספר תורה ואפילו אות אחת הרי היא כאילו** כתבו כולו"), **און מען איז ניט יוצא מיט קויפן אַ געשריבענע ספר תורה;**

**אָבער לדעת הרא"ש (ופסק הלכה בשו"ע) איז „מצות כתיבת התורה היא ללמוד בה", און דערפאַר איז נוגע אַז מ'זאָל** האָבן **די ספרים אויף צו לערנען**

*21) להעיר מהשקו"ט אם ספרים שנדפסו ע"י גוי יש בהם קדושה ואי רשאים ללמוד בהם (שד"ח פאת השדה כללים מערכת הדל"ת כלל לח. וש"נ. וראה פתחי תשובה יו"ד סרע"א סק"כ). — אבל (נוסף לזה שלא מצינו עתה מי שיזהר בזה, הרי) אי"ז שייך למ"ש בפנים, כי גם הנזהרים בזה הוא לא מפני שאין יוצאים ע"י מצות כתיבת ס"ת (מכיון ששלוחו אינו בן ברית), כ"א מפני שאין בהם קדושה כו'.

22) יו"ד שם.

23) ולהעיר מהלשון בקיצור פסקי הרא"ש שם: הלוקח ס"ת כחוטף מצוה כתבה או הגי' בה אות אחת כאלו קבלה מסיני שמצות עשה ליכתוב ס"ת. וראה לשון הטור שם בריש הסימן.

24) מנחות שם. ובריש הלכות ס"ת. ראה ט"ז שם סוסק"א.

25) וצ"ע בלבוש שם ס"א „הלוקח ס"ת מן השוק ואינו מגיה בה דבר הוי כחוטף מצוה מן השוק כלומר ואינו יוצא בזה מצות עשה זו". וממשיך „ואין לו שכר גדול כל כך כמי שטרח בכתיבה כו'". ומביא דברי הנמוקי"י שם.

26) דלהרמ"א בס"א דינו שאינו יוצא כש„לקחו כך", לכאורה הוא גם האידנא בנוגע לחומשים משניות כו' (המבואר בס"ב במחבר), ולא הוצרך לכפול דבריו. אבל בלבוש שם מפורש „או לקנות אותם . . לא קיים המצוה כתיקונה עד . . או שיקנה אותם". וראה לקמן סעיף ח־ט. ובגר"א שם (סק"ט) כתב „ודברי רש"י עיקר".

27) ראה שאגת ארי' סי' לו. מנ"ח מצוה תריג. שו"ת שמן רוקח ח"ג יו"ד סי' יז. כלי חמדה שם. ובכ"מ.





**. . . במ"ש בהנוגע לאי אמירת אקדמות — לפלא פליאתו, בהמצאו באה"ק ת"ו, שכנראה לא נודע לו שאצל כל הספרדים אין מנהג האמור, וגם בליובאוויטש לא נהגו לאומרם (אף שלא שמעתי טעם בזה, ועיין סוכה מ"ד ב' דכיון דנפק מפומי' וכו' דקדקו לנהוג כן אף לקולא עיי"ש) . . .**

(ממכתב כ"ו סיון, תשי"ט)

**. . . את"ל בדרך צחות.**

**יש לקשר ביחוד ענין מתן תורה ושו"ב, ע"פ אחד הטעמים דאכילת מאכלי חלב בחג השבועות, מפני שבנתינת התורה נצטוו על השחיטה, והכל מודים שבשבת ניתנה תורה ואין שוחטין בשבת, והוכרחו לאכול מאכלי חלב כמובא בספרים.**

**ואף דלכאורה עוד מקודם לזה נהגו בשחיטה וכדרז"ל עה"כ וטבוח טבח והכן (חולין צא, א. ובמדרש הובא בצרור המור דדייק בה' הל' שחיטה*), מובן בפשיטות דבנ"י לפני קבלת התורה אינם בגדר בר זביחה שלאחרי מתן תורה.**

(ממכתב כ"ד אייר, תשכ"א)

*) ה' דברים המפסידים את השחיטה. המו"ל.

**. . . ובבואינו מזמן מתן תורתנו, בטח ידוע לכן שכשבא הקב"ה לתת תורה לעמו ישראל ציוה לפנות תחילה אל הנשים ואח"כ אל האנשים, זאת אומרת שבזכות הנשים זכו גם הגברים לקבל התורה והמצוות, שזה כמובן מגדיל האחריות המוטלת על נשי ובנות ישראל. אבל למותר להדגיש שביחד עם האחריות ניתנו גם הכוחות והאפשריות למלא את התפקיד במילואו ואין הדבר תלוי אלא ברצון, והובטחנו הבא לטהר מסייעין אותו . . .**

(ממכתב אסרו חג השבועות, זמן מתן תורתנו, תשכ"ה)

. . . וכיון שכתב מכתבו בסיום תשלומין דמתן תורה המביאה רפואה לעולם, והתורה היא תורת חסד ולא בשמים היא ודוקא בעולם הזה, הנה יבשר טוב בטוב הנראה והנגלה.

(ממכתב ט"ו סיון, תשי"ט)

ויש לומר נקודת הביאור בזה:

הברייתות „נשנו חוץ לבית מדרשו (של רבינו הקדוש) ועל כן נקראו ברייתות, לשון חוץ, כי תרגום מחוץ מברא"[82]. אך עם היות שדרגתם למטה ממשניות, עד שנקראים בשם „חוץ", הרי הם חלק מהתורה, ויש בהם כל העילוי והתוקף דתורה, שכן כולם ניתנו למשה מסיני. וענין זה מודגש במכילתין, שהתחלתה בסדר השתלשלות קבלת התורה — שבסיומה מצרפים למשניות גם את הברייתות, שנישנו חוץ לבית מדרשו של רבינו הקדוש (הכוללים כל מה שנתחדש על ידי תלמיד ותיק במשך כל הדורות), ומקדימים שכולם נישנו על ידי החכמים „בלשון המשנה", להורות שמעלתם שוה למעלת המשניות.

ובכללות יותר — נכללים ב„ברייתות" כל עניני התורה שנתגלו בזמן הזה, שהם בבחינת „חוץ" לגבי „תורה חדשה מאתי תצא"[83], פנימיות התורה[84], שתתגלה בימות המשיח, ועד ש"תורה שאדם למד בעולם הזה הבל היא לפני תורתו של משיח"[85]. ואף על פי כן, גם התורה שאדם לומד בעולם הזה נשנית „בלשון המשנה", כמו פנימיות התורה שתתגלה בימות המשיח, כיון שהתורה כולה היא „תורה אחת".

וענין זה מודגש גם בתוכן מאמרו של רבי מאיר:

הפירוש ד„דברים הרבה" אינו הריבוי דברים שמונה לאחר זה, אלא ענין בפני עצמו — הבלי גבול שבתורה („הרבה" לאמיתתו, שאין ריבוי גדול יותר ממנו), שיתגלה ב„תורה חדשה" שתצא „מאתי" דייקא, מהותו ועצמותו יתברך, בלי גבול האמיתי. ועל ידי עסק התורה לשמה בעולם הזה זוכים לבחינה זו.

ומזה מובן גם לגבי עבודת האדם: גם מי שמרגיש את עצמו בבחינת „ברייתא", „חוץ", שהוא בריחוק עדיין ומחוץ למעמד ומצב דימות המשיח, שאז יהי' עיקר ושלימות דפנימיות התורה — הרי, על ידי לימוד התורה זוכה לדברים הרבה, שמתעלה מהחוץ ונכנס לפנים, היינו, שנעשה חדור בתורה (כולל — בעניני הגאולה) ומוכן להתגלות ד„תורה חדשה"[86].

82) מד"ש. 83) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג. 84) ראה רש"י שה"ש א, ב. 85) קה"ר פי"א, ח.
86) ספה"ש תנש"א ח"ב עמ' 693.





אין זיי[28], אָבער ניט צו שרייבן זיי[28*] (אפילו ניט מגי' זיין).

אָבער[29] פונעם תוכן אין רא"ש איז מוכח ניט ווי דער חילוק הנ"ל: דער רא"ש זאָגט „וזהו בדורות הראשונים כו'" בהמשך צום לשון ודעת הרמב"ם (וואָס ער ברענגט), איז מובן, אַז דער רא"ש איז ניט אויסן צו מחדש זיין אַ נייעם גדר אין מצות כתיבת ספר תורה (אַנדערש ווי דער רמב"ם[30]), נאָר בלויז צו מחלק זיין (בין הזמנים) בנוגע וואָס מען זאָל שרייבן, אַז „האידנא" איז די מצוה „לכתוב חומשי התורה ומשנה וגמרא ופירושיהן להגות בהן הוא ובניו".

אויך דאַרף מען פאַרשטיין די הסברה אין די צוויי דיעות, צי מ'איז יוצא קיום מצות כתיבת ספר תורה מיט בלויז קויפן אַ ס"ת (ווי דעת רש"י והנמוקי יוסף אַז אויך דעמאָלט „מצוה עבד", נאָר „אי כתבה הוה מצוה יתירה"[31]), אָדער מ'איז ניט יוצא דערמיט (כדעת הרמ"א[22] (און אַזוי איז אויך משמע דעת הרמב"ם[32] בספר היד) אַז אויב „לקחו כך ולא הגיה בו כו' (ו)אינו יוצא בזה").

ד. בכדי צו פאַרשטיין דאָס פאַרדערט זיך פריער אַ הסברה אין דעת הרא"ש והפס"ד בשו"ע: ווי אַזוי קען מען מחדש זיין[33] אַז אַ מ"ע מן התורה זאָל נשתנה ווערן מזמן לזמן, ביז צו זאָגן אַז „האידנא" איז די מצוה ניט ווי זי איז מפורש בתורה?

און כאָטש אַז דער רא"ש אַליין איז מבאר „כי מצות כתיבת התורה היא ללמוד בה כדכתיב ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם" — דאָס איז אָבער לכאורה נאָר תכלית ומכוון המצוה,

28) עד"ז הוא לשון החינוך שם: „שנצטווינו להיות* לכל איש אחד מישראל ספר תורה". ומובן הוא עפמש"כ בשרשי המצוה שם „להיות לכ"א וא' מבנ"י ס"ת מוכן אצלו שיוכל לקרות כו'". ושם „ואע"פ שהניחו לו אבותיו למען ירבו הספרים בינינו ונוכל להשאיל מהם כו'". ועיי"ש בלשונו בסוף המצוה. אלא שלדעתו „עיקר החיוב דאורייתא אינו רק בספר התורה". אלא שממשיך ש„אין ספק שגם בשאר הספרים שנתחברו ע"פ התורה יש לכל אחד לקנות מהם כפי היכולת מן הטעמים שאמרנו". — במנ"ח שם (בתחלתו) כתב בפשטות בדעת החינוך שהמצוה היא רק הכתיבה [ומ"ש החינוך „להיות" — מפרש להלן שם „המצוה שיהי' לו ס"ת ע"י שיכתוב ויהי' לו א"כ היא מצוה תמידית וכ"נ מלשון הרהמ"ח שכתב שנצטוינו להיות כו'"]. וצ"ע, שלכאורה לא משמע כן בחינוך, כנ"ל.

28*) כשיטת רש"י והנמוק"י, ודלא כפסק הרמ"א.

29) ובצפע"נ הל' תפלה (פי"ב ה"י): דבס"ת יש שני מצות א' מצות הכתיבה וא' מצות הלימוד מן הכתוב כו'. ועד"ז בהל' ס"ת שם ה"ב. ומוסיף שם: והך של לימוד יוצא בשל אבותיו (משא"כ גבי מלך).

30) להעיר שגם לשון הרמב"ם בסהמ"צ היא „שצונו שיהי' לכל איש ממנו ספר תורה לעצמו ואם כתבו בידו כו'" (כ"ה במהדורת הר"ח העליר. ועד"ז בהר"י קאפח. אבל בדפוס שלפנינו: שיהי' כל איש ממנו כותב ספר תורה לעצמו). ולהעיר שגם בספר היד שם מתחיל „מ"ע כו' לכתוב ספר תורה לעצמו", וממשיך „ואע"פ שהניחו לו אבותיו ס"ת מצוה לכתוב משלו ואם כתבו בידו כו' ואם אינו יודע לכתוב כו'" (והא דכופל הענין — י"ל שבתחלה כותב עצם המצוה ואח"כ מבארה).

31) לשון רש"י מנחות שם.

32) אבל מסתימת לשונו „וכל המגיה ספר תורה (שמשמע איזה ספר תורה שהוא, לאו דוקא הספר תורה שאחרים כתבו לו) כו' הרי הוא כאילו כתבו כולו", שאז (לא רק שקיים המצוה, כ"א) „ה"ה כאילו קבלה מהר סיני", משמע לכאורה, דאם לא הגיהו הרי עכ"פ קיים המצוה. ולפ"ז לא חזר בו בספר היד ממ"ש בסהמ"צ דגם בקנהו קיים המצוה. ולהעיר שי"א (הובא במקדש מעט לבני יונה שם סק"ט) דגם להרמ"א קיים המצוה, ומ"ש „אינו יוצא בזה" היינו שאין המצוה כראוי.

33) ראה ט"ז שם סוסק"ד.

*) וכ"ה ברבינו ירוחם נתיב ב ח"ב.

אָבער מעשה המצוה גופא שטייט דאָך מפורש אין תורה: כתבו לכם את השירה הזאת — אַ מצוה צו שרייבן אַ ספר תורה[34]?

ה. וי"ל הביאור בזה: פון דעם וואָס גלייך נאָכדעם „כתבו לכם גו'" איז דער פסוק ממשיך אַז די (תכלית ה)מצוה איז „ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם" — און ווי ס'איז אויך מובן פון דעם גאַנצן המשך הפרשה[35], אַז ענינה פון כתיבת ספר תורה איז בכדי עס זאָל זיין „שימה בפיהם", אַז די תורה זאָל ביי זיי ווערן „לעד" אויך אין דעם זמן ווען „וניאצוני והפר את בריתי" — דערפון לערנט אַרויס דער רא"ש, אַז דער ענין פון „כתבו לכם" איז ניט דער עצם גדר המצוה, נאָר בלויז אַ חיוב פרטי אין דער מצוה.

[וי"ל דוגמא לזה: די תורה[36] זאָגט ביי מצות מזוזה „וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך", כאָטש דער גדר המצוה איז (ניט כתיבת המזוזה, נאָר) „לקבוע[37] מזוזה"[38]].

דער גדר המצוה איז, ובהקדם —

עס איז דאָ די מצוה פון לימוד התורה ויתרה מזה „ות"ת כנגד כולם" און אין דער מצוה — איז דער עיקר וויסן „כל ההלכות פסוקות בטעמיהן"[39] און דאָס איז „חייב הוא מה"ת" און ביז אין אַן אופן אַז „שנונים ומחודדים בפיך" און „משיב לו מיד" וכו'[40] — איז דאָך שוין דאָ „למדה . . שימה בפיהם" אויפ'ן בעסטן אופן,

קומט בפ' וילך אַ ספּעציעלע מצות עשה מה"ת אַז מען זאָל טאָן אַ מעשה (כתיבה) צו באַקומען אַ (ספר) תורה שבכתב און לערנען אין דער תורה (ואולי י"ל הטעם ווייל דורך דעם איז דער לימוד לייכטער און טיפער (אותיות מחכימות), זיכער פון אַ טעות, ווייל הלומד מן הספר לא במהרה הוא משכח[41], מ'קען חזר'ן בכל עת וכו', וואָס דאָס אַלעס באַוואָרנט כדבעי דעם „והפר גו'"): און בזמן[42] אמירת הציווי איז די מעשה (כתיבה) געווען פאַר־בונדן ואפשרי נאָר דורך לימוד אין אַ ס"ת, תורה שבכתב (וואָרום ארי' הוא דרביע עלי'[43], אויפ'ן גברא — תושבע"פ האָט מען דאַן ניט געטאָרט פאַרשרייבן, דברים שבע"פ אי אתה רשאי לכותבם[44]).

דורך דעם (ארי' דרביע) קומט צו אַ זייטיקע זאַך ניט מצד דעם ענין דידן פון „ולמדה . . שימה בפיהם", נאָר מצד די דינים ווי אַזוי ווערט אַ ספר — אַ ספר תורה[45]: עס דאַרף זיין שרטוט, לשמה, בכתב אשורי און בלשון הקודש,

34) ראה שו"ת חת"ס יו"ד סי' רנד. בינת סופר כלל יב ס"א. שו"ת שמן רוקח שם. ועוד.

35) לא, טז ואילך.

36) ואתחנן ו, ט.

37) כנוסח הברכה, וכ"ה לשון הרמב"ם במנין המצות בהתחלת ספר היד מ"ע טו. ובהכותרת להל' תפילין ומזוזה. הל' מזוזה פ"ה ה"ז.

38) ולהעיר מלשון הטור ושו"ע יו"ד ר"ס רפה „מ"ע לכתוב כו'". וראה פנים יפות ואתחנן שם. ובארוכה ביאור הרי"פ פערלא (לסהמ"צ רס"ג) ח"ג מילואים ס"ד.

39) הל' ת"ת לאדה"ז פ"ב ס"א.

40) הל' ת"ת שם ס"ג (מקדושין ל, סע"א).

41) ירוש' ברכות רפ"ה.

42) ראה לשון הלבוש שם ס"ב.

43) עירובין עח, ב. וראה אנצ' תלמודית בערכו.

44) גיטין ס, ב.

45) ואף ד„מותר לכתוב התורה כל חומש וחומש בפני עצמו ואין בהן קדושת ספר תורה" (רמב"ם הל' ס"ת פ"ז הי"ד) — הרי הפס"ד שבנדו"ד צ"ל דוקא כולה (ראה מקורו בצפע"נ שם. ובשאג"א סל"ד הקשה מנ"ל דכל התורה במשמע הא מותר לכתוב כל חומש וחומש כו' כפ"ע).





זאָגט „שיש למדת רחמים לומר כמו שטרח טורח זה כן הי' טורח ללכת במדבר כדי לקבל תורה מהר סיני" — און איז ניט אַ שכר אַ מסובב פון דער מצות כתיבת ספר תורה;

דער רמב"ם אָבער וועלכער ברענגט דאָס אַראָפּ להלכה אין זיין ספר היד, וואָס באַשטייט פון „הלכות הלכות"[73], ובפרט אַז ער האָט עס אַריינגעשטעלט אין מיטן[74] דער ערשטער הלכה וואו עס רעדט זיך וועגן דער מצוה בפועל — און איז נאָך דערביי משנה פון לשון הגמרא און זאָגט „ואם כתבו בידו הרי היא כאילו קבלה מהר סיני" — איז משמע אַז דער ענין איז אַ שכר ומסובב פון דער מצות כתיבת ספר תורה,

וי"ל — ע"ד המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו[75]

יג. ויה"ר אַז בקרוב ממש זאָל זיין ותחזינה עינינו בביאת מלך המשיח ממש, און וועט שרייבן די משנה התורה „לשם המלך" וואָס „יהי' עמו תמיד כו' שנאמר והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו"[76], און עס וועט נתגלה ווערן מלכותו של הקב"ה „והי' ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד"[77].

(משיחות אחש"פ וש"פ קדושים תשמ"א)

לקו"ש חכ"ג ע' 17

73) ל' הרמב"ם בהקדמתו לספר היד בסופו.

74) כי לכאורה כשכותב מעלה או שכר המצוה או שרשי וטעמי המצוה כותבם בסוף ההלכות ודיני המצוה. ראה לדוגמא הל' תפילין ספ"ד (הכ"ה־כו). הל' מזוזה ספ"ו. סוף הל' ס"ת. ובכ"מ.

75) סנהדרין יט, ב. פרש"י עה"ת במדבר ג, א. וראה לעיל ע' 8 ואילך.

76) רמב"ם הל' ס"ת שם ה"ב.

77) זכרי' יד, ט.

# ביאורים לפרקי אבות

## שנו חכמים בלשון המשנה . . כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה

צריך ביאור: א. אף שהפיסקא „שנו חכמים" היא בפשטות הקדמה לכל הפרק[80], מכל מקום, כיון שבאה ביחד עם דברי רבי מאיר (במשנה אחת[81]), מסתבר שיש קשר ביניהם. ב. מהו התוכן והענין דצירוף ברייתא למשנה. ג. כיון שבהמשך מאמרו מונה התנא דברים רבים שהעוסק בתורה לשמה זוכה להם, מהו פירוש ההקדמה שזוכה לדברים הרבה.

80) כפירוש הרע"ב: ברייתא היא, ובלשון המשנה היא שנוי' . . ולפי שעד עכשיו כל הפרקים משנה, הוצרך להודיע שמכאן ואילך ברייתא היא.

81) ולהעיר שחלוקת המשניות היא בתכלית הדיוק, ועד שנוגעת להלכה בפועל (ראה לעיל במבוא).

וכו׳[45*] — דערפאַר בנוגע לפועל מוז דער „כתבו לכם״ זיין אַ כתיבה מיט פרטי דינים הנ״ל.

אָבער[42] — „האידנא״ — ווען מצד „עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״[46] האָט מען פאַרשריבן אויך תושבע״פ[47], און דער לימוד בכדי „לידע פי׳ המצות והדינים על בוריים״ איז ניט פון אַ ספר תורה, נאָר פון די פאַרשריבענע חומשי תורה משנה וגמרא ופירושיהן, איז די מצוה פון „כתבו״ (די מעשה) פאַרבונדן מיט די ספרים; און ביי זיי איז ניטאָ קיין דין שרטוט וכו׳ די פרטי דינים וואָס זיינען דאָ אין אַ ס״ת, איז בהתאם לזה ביי קיום המצוה דורך זיי דאַרף זיין ומספיק אַ מעשה וועלכע מאַכט זיי פאַר ספרים דורך וועלכע עס קען זיין ולמדה שימה בפיהם מתוך הכתב[47*].

וי״ל דוגמא לזה על דרך „דון מינה ואוקי באתרא״[48].

ו. אַ מעין ודוגמא לדבר: דער חיוב שמחה ביו״ט, וואָס בזמן הבית איז דאָס געווען דורך שלמי שמחה, איז לכמה דיעות חל (מדאורייתא) אויך בזמן הזה דורך אכילת בשר, וואָס „אין שמחה אלא בבשר״[49].

עס איז מובן בפשטות אַז די שמחה בבשר בזמן הזה האָט ניט די גדרים וואָס זיינען דאָ אין שלמי שמחה, וואָס זיינען נאכלים בטהרה און בירושלים כו׳, וואָס דאָס זיינען אַלץ ענינים און הגדרות מצד דעם ענין הקרבן פון שלמי שמחה, אָבער ניט מצד גדר השמחה שבו, וואָס נאָר דאָס איז נוגע (לדעה זו) לקיום מצות שמחת[50] יו״ט.

ועד״ז בעניננו — ובלשון הש״ס[51] „לא מן השם הוא זה״: די אַלע פרטי דינים וואָס זיינען דאָ אין כתיבת ספר תורה זיינען מצד דעם חפצא פון ספר תורה, ניט מצד דעם חיוב ומצוה פון „כתבו לכם את השירה הזאת״ בכדי עס זאָל קענען זיין ולמדה, שימה בפיהם.

ובמילא איז מובן, אַז אויך לדעת הרא״ש איז אין דעם גדר המצוה הזו ניט געוואָרן קיין שינוי.

עס בלייבט נאָך אָבער די שאלה — מען זעט דאָך ניט אַז מ׳זאָל מקיים זיין דעם „לכתוב״ פון די חומשים וכו׳ נאָר דאָס טוט דער מדפיס וכיו״ב ואפילו אַז ער באַשטעלט באַ עם און מאַכט עם פאַר אַ שליח איז דאָך מצוה בו יותר מבשלוחו — איז דאָס פאַרענטפערט לויט דעם ביאור לעיל (סעיף א) בנוגע לס״ת. ועוד ועיקר — לקמן סעיף ט.

ז. ועפ״ז — אַז בשייכות פון צוויי ענינים קען זיין פרטים וועלכע זיינען „דון מינה ומינה״ ופרטים[52] וועלכע אוקי

---

[45*] בנוגע לכתובה כולה — ראה הערה הקודמת.

46) תהלים קיט, קכו. גיטין שם ע״א.

47) ראה פרישה שם.

[47*] להעיר מענין מעין זה גבי קריאת ההפטרה בזה״ז (ראה שו״ע אדה״ז או״ח סרפ״ד ס״ד ובקו״א שם).

48) יבמות עח, ב. וש״נ.

49) ראה רמב״ם הל׳ יו״ט פ״ו הי״ח. יש״ש ביצה פ״ב ס״ה. מג״א או״ח סרמ״ט סק״ו. מחה״ש שם. ועיין שו״ע אדה״ז או״ח סתקכ״ט ס״ז.

50) ראה מחצית השקל למג״א שם דמוכח מדברי רש״י (תענית ל, סע״א) דהשמחה היא בבשר עצמו לא מצד שהם שלמים.

51) שבת קטז, רע״א. ועוד. ועד״ז במשנה מכות כא, ב.

52) להעיר ש(רק) היקש וגז״ש אינם למחצה (נדרים ז, א. זבחים מח, א), וגם בדברים שבהיקש וגז״ש יש חילוקים. וראה אנציקלופדיא תלמודית בערך הנ״ל.





ספרים (חמשה חומשי התורה משנה גמרא ופירושיהן), און אַז נאָר דאַן איז מען מקיים די מצוה — וואָס פירושיהן איז אַ ריבוי גדול ומעשה רב מ׳זעט בפועל די ספרים וואָס רוב אידן ככולם האָבן זיינען ניט מכל סוגים הנ״ל וכו׳[67].

יא. עפ״ז איז מובן וואָס די גמרא[68] זאָגט „כתבו מעלה עליו הכתוב כאילו קבלו מהר סיני״, און דער רמב״ם ברענגט דאָס אַראָפּ אויך אין ספר הלכה שלו, וואָרום דאָס איז דער גדר פון מצות „ועתה כתבו לכם״ — אַן ענין ומעין קבלת התורה[69] וואָס קומט דורך זיין עשי׳, דורך זיין שרייבן און צו־גרייטן די ספר תורה (אָדער דורך קויפן די ספרים הנ״ל מממונו), און דורך „ולמדה״ שלאח״ז.

ס׳איז נאָר וואָס „בדורות הראשונים״ האָט מען די מצוה מקיים געווען דורך כתיבת ספר תורה, וואָס ווען „כתבו בידו״ איז ביי אים די קבלת התורה אין אַן אופן פון שלימות — „הרי הוא כאילו קבלו מהר סיני״, אַז ס׳איז ענלעך צו דעם קבלת התורה בפעם הא׳, אַזוי אַז דאָס האָט געבראַכט דעם לימוד ושמירת המצות בשלימות. אָבער מעין זה איז דאָס דאָ בכל זמן ובכל מקום, ווען אַ איד קויפט ספרים און לערנט אין זיי.

מכל הנ״ל איז אויך מובן ווי וויכטיק עס איז די השתדלות אַז יעדער איד זאָל האָבן ספרים אין זיין הויז — ומה טוב אַ „בית מלא ספרים״ — אָבער עכ״פ מוזן זיך ביי אים געפינען די יסוד ספרים: (סידורים) חומשים (תנ״ך) משניות ספרי פסקי דינים וכו׳, און עס זאָל זיין דער „ולמדה״ אין זיי, „שימה בפיהם״.

יב. ומעניין לענין באותו ענין יש להוסיף בדרך אפשר:

די מצוה פון כתיבת ספר תורה, וואָס מען לערנט אָפּ פון פסוק „ועתה כתבו לכם את השירה״, איז כנ״ל כל הס״ת כולה —

וי״ל בזה הוספה על פשט הלשון: ווי־באַלד אַז ליכא מידי דלא רמיזא באו־רייתא[70], איז אין דער ס״ת, אין תורה שבכתב, מרומז וכלול אויך כל התורה שבע״פ כולה, וואָס — ניתנה למשה מסיני, משנה, תלמוד ואגדה וכו׳ ביז כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש[71] וכו׳;

און אַזוי איז עס אויך (אין דער מצוה פון כתיבת ספר תורה) מצד דעם גברא, זאָגט דאָך די גמרא, אַז דער וואָס שרייבט אַ ספר תורה איז „מעלה עליו הכתוב כאילו קבלו מהר סיני״.

און כאָטש אַז בפשטות קען מען לערנען אַז דער מעלה עליו וכו׳ מיינט אַ שכר, דעם שכר אַז מ׳נוצט עס אַלס אַ ראי׳ אַז ער האָט כשלעצמו מעלת מקבל תורה מסיני — ווי דער נמוקי יוסף[72]

---

67) וע״פ הכתוב בפנים — לכאורה מובן שמקיים המצוה ד„ולמדה״ בתורה משנה וגמרא ופירושיהן באיזה שפה שתהי׳ אף שלא נכתב בלה״ק, וכן מקיים המ״ע דוכתבו לכם, כשקונה ספרים אלו בכל לשון. ולהעיר מצפע״נ הל׳ תפלה שם בסופו. וראה מקור חסד לספר חסידים סי׳ תד.

68) מנחות שם.

69) וי״ל שלכן נאמרה למשה בסוף שנת הארבעים (נוסף על שאז דוקא ישנה כל התורה) — מצוה האחרונה דתרי״ג מצות, שזהו מעין קבלת התורה (כל המצות שנצטוו) לאחר ש„הנך שוכב עם אבותיך וקם העם הזה גו׳ ועזבני והפר את בריתי גו׳״.

70) ראה זח״ג רכא, א.

71) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. שמו״ר רפמ״ז. ויק״ר רפכ״ב. ועוד.

72) בריש הל׳ ספר תורה.

באתרא — קען מען מסביר זיין כמה ענינים, ולדוגמא במקצעות שונים:

תפלות במקום תמידין תקנום[53], פונדעסטוועגן איז אפילו לכתחילה ניטאָ קיין השתדלות אַז עס זאָל זיין אין דעם ציבור אַ כהן (והטעם דמצינו קרבן בלא כהן — דאין כהן בבמה[54]), משא״כ בנוגע להזמן[55], דאַרפן די תפלות זיין בזמן הקרבת התמידים[56] (כי בכל קרבן שבזמן — עבר זמנו בטל קרבנו)[57].

אין סדר ליל פסח: דער מנהג „במדינות אלו״ איז, אַז מ'איז נזהר ניט צו עסן „בשר צלי בליל פסח״, „גזירה שמא יאמרו פסח הוא״[58]; אעפ״כ נעמט מען אַ זרוע צלוי׳ „זכר לפסח שהי׳ צלי אש״[59], ווייל אכילה בפסח — איז עיקר גדר הפסח „שלא בא מתחילתו אלא לאכילה״[60].

דער כלל[61] אַז ר׳ פלוני ור׳ פלוני בשיטה אחת קיימי, איז מובן אַז ס'זיינען דאָ פרטים אין וועלכע זיי זיינען מחולק און ס'איז דאָ אַ נפק״מ צווישן זיי[62], (וואָרום אויב ניט, איז מאי קמ״ל בענינים שונים) דער לשון וואָלט געווען ר׳ פלוני ור׳ פלוני אמרו.

ועוד כהנה.

ח. עפ״ז יש לומר, אַז דאָס וואָס דער רמ״א פסק'נט „אבל לקחו כך ולא הגיה בו דבר הוי כחוטף מצוה מן השוק ואינו יוצא בזה״ און ער איז יוצא דוקא ווען „שכר לו סופר לכתוב לו ספר תורה או שקנאו והוא הי׳ מוטעה והגיהו״ (ניט ווי דעת רש״י והנמוקי יוסף, אַז אויך ווען לקח ס״ת מן השוק איז מען מקיים די מצוה), איז דאָס געזאָגט געוואָרן נאָר ביי כתיבת ספר תורה, אָבער בנוגע די חומשי התורה ומשנה וגמרא ופירושיהן, וואָס „האידנא״ באַשטייט אין זיי די מצות כתבו לכם (לדעת הרא״ש), איז מען לכו״ע יוצא דורך קויפן די ספרים און לערנען אין זיי[63].

והביאור: לכו״ע איז די מצוה פון כתבו לכם אַ גדר פון „קבלת התורה״, וואָס באַשטייט אין זיין עשי׳ אויף צו נעמען און באַקומען די תורה און לערנען אין איר. די שאלה איז — אויף וויפל דער פועל והפעולה זיינען פאַרבונדן מיט דעם נפעל:

וויבאַלד אַז בדורות הראשונים איז די מצוה „ועתה כתבו לכם״ געווען פאַרבונדן מיט אַ ס״ת „שהיו כותבים ס״ת ולומדים בו״, וואָס דעריבער מוז די כתיבה זיין לשמה, אויף אַ קלף מעובד ומשורטט, און אַזוי אַלע אַנדערע תנאים וגדרים (כותבים כולו כו׳), איז די חפצא פון ס״ת מחייב און מכריח כו״כ תנאים

---

53) כן הובא בכ״מ. ובברכות כו, ב („כנגד תמידין״) ואין נפק״מ בנדו״ד. ובשו״ע אדה״ז או״ח סי׳ קח ס״ח „שחרית ומנחה שהם במקום התמידים״.

54) תו״כ אחרי יז, ו. זבחים קיג, רע״א. קיט, ב.

55) וכן „צריך ליזהר שתהא דוגמת הקרבן בכוונה ושלא יערב בה מחשבה אחרת כו׳ ותהא מעומד כמו עבודה בקביעת מקום כמו הקרבנות כו׳ שלא יחוץ דבר בינו לקיר כמו הקרבן כו״ (טושו״ע ודאדה״ז שם סצ״ח ס״ד).

56) ברכות שם. שו״ע אדה״ז שם ר״ס פט.

57) ואף שלתפלה יש תשלומין בתפלה הסמוכה ולא אמרינן עבר זמנו בטל קרבנו כבקרבנות (ברכות שם ע״א. תוד״ה איבעיא שם) — הרי אין לו שכר תפלה בזמנה (ראה ברכות שם. שו״ע אדה״ז שם סוס״א. סי׳ קח סוס״ב).

58) שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס תעו.

59) שו״ע אדה״ז שם סתע״ג סכ״א (משו״ע שם ס״ד).

60) פסחים עו, ב במשנה.

61) ראה אנציקלופדיא תלמודית ערך אין הלכה כשיטה. וש״נ.

62) ראה פסחים לב, ריש ע״ב „כולהו סבירא להו כו׳ ובהא פליגי כו׳״.

63) וראה גם דעת קדושים שם סוסק״ז.





בעשיתו און די פעולות ווערן אַ חלק פון מצות כתיבת[64] („השירה הזאת״)

אָדער דער פועל און די אַלע תנאים זיינען נאָר מצד קדושת הס״ת, ניט מצד מצות „כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה״.

ט. און דאָס איז די הסברה פון די צוויי דיעות הנ״ל בנוגע קיום מצות כתבו לכם ווען מ'איז דאָס מקיים מיט אַ ספר תורה: שיטת הרמב״ם והרמ״א איז, אַז וויבאַלד די מצוה איז פאַרבונדן מיט דער קדושה פון כתיבת ס״ת, און די קדושה איז מחייב די תנאי המעשה — כתיבת הס״ת, ווערט אָט די מעשה (ניט נאָר אַ פרט אין דער חפצא, אין קדושת ס״ת, נאָר אויך) אַ חלק פון דעם קיום המצוה פון כתבו לכם.

און דעריבער, ווען ער איז מקיים די מצוה המוטלת עליו, מיט שרייבן אַ ס״ת, דאַרף זיין די מעשה המצוה, דורך כתיבת ס״ת, אָדער מגיה זיין אַ ס״ת „שהי׳ מוטעה״[65] — דורך זיין פעולה ווערט נגמר ונשלם דער כתבו לכם. אָבער „לקחו כך ולא הגיה בו דבר״, איז ער ניט יוצא.

משא״כ לדעת רש״י והנמוק״י איז די קדושת הס״ת ניט אַ חלק פון דער מצוה פון כתבו לכם [די תנאים זיינען נאָר אויף פועל'ן קדושת ס״ת] ובמילא איז אויב די קדושה איז שוין דאָ — איז אויך בס״ת מספיק ווען קנאו — לקחו (מן השוק).

לפ״ז איז מובן אַז דאָס וואָס „האידנא מצוה לכתוב חומשי התורה ומשנה וגמרא ופירושיהן״, מיינט עס ניט (אפילו אויך לדעת הרמ״א), אַז דאָס מוז זיין באופן פון כתיבתו אָדער בשליחותו אָדער דורך מגיה זיין דעם ספר, ווייל אָט די ספרים מצד ענינם פאַדערן ניט אַז ביי זיי זאָל זיין דוקא מעשה אדם, עס קען זיין מעשה „קוף״ (מכונה) — אַבי זי איז כתובה — איז דאָ ובשלימותו — „ולמדה שימה בפיהם״.

ול׳ הרא״ש והשו״ע „כותבים״ די חומשים — ווייל דער מקור הדין ויסודו איז „כותבים ס״ת״ — אָבער עס איז דון מינה ואוקי באתרא.

יוד. עפ״ז קומט צו הסברה וביאור באופן קיום מצות „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת״ ווי מ'איז דאָס מקיים „האידנא״:

וי״ל דוגמא — כשם ווי אין דער מצוה פון לימוד התורה איז דאָך היינט ניט דער סדר אַז מען זאָל אָפלערנען כל התורה (ההלכות) כולה[66], און דערנאָך ערשט לעיין ולפלפל כו׳

עד״ז איז בנוגע צום קיום מצות „כתבו לכם את השירה הזאת״ „האידנא״, אַז דאָס מיינט ניט אַז ער איז מחוייב צו שרייבן אַליין (אָדער קויפן) און אַלע

---

64) להעיר שברמב״ם, וכן בטושו״ע, המ״ע לכתוב ס״ת היא התחלת (והקדמה ל)פרטי׳ הדינים באופן כתיבת ס״ת.

65) ולא כפי׳ התוס׳ כו׳ מנחות שם, כי הי׳ אצל חבירו בעבירה כנ״ל הערה 15.

*) אלא: א) שבטושו״ע הוא סי׳ בפ״ע והכותרת [illegible] (בטושו״ע) „**שכר** מצות כתיבת ס״ת״. משא״כ [illegible]. ב) בטושו״ע הסי׳ שלאח״ז הוא דיני „העור שכותבים עליו ושרטוטה ודין הדיו״. משא״כ ברמב״ם [illegible] לפנ״ז בפ״א ביחד עם דיני קלף של תפילין [illegible] וגם ממשיך תיכף (בה״ד ואילך) בדיני [illegible].

66) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״א ה״י. וראה שם פ״ג קו״א סק״א.